שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד"

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים

מאת

הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר

**אשרי האיש**

**אידיש**

מועתק מלשונו הזהב

**מאמר מ"ז**

חודש חשון שנת תשפ"ו לפ"ק

אזוי ווי די הוצאות שטייגן כסדר, ווילן מיר בעטן אז ווער עס קען זאל
**זיך משתתף זיין בעין יפה כדי מיר זאלן קענען ווייטער ממשך זיין ביתר שאת**
איר קענט אריינרופן אין אפיס **718-586-5199** אדער טעקסטן צו **347-292-1014**
אדער אטעמאטיש דורך רופן **845-366-2793 #6054**

**לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה״צ שליט״א, ולהערות והארות**

**קול דורשי יחודך**
**718-586-5199**
**בא״י 0765997840**

~ ~ ~

**ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל:** dyyms12@gmail.com
**וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של 20$ עבור הוצאת עריכת הקונטרסים**
**נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9**

©
כל הזכויות שמורות

נסדר לדפוס ע״י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר


ניטאמאל אריבער צווישן זיי ........................................ א
פארוואס לעבט מען נישט היינט אזוי לאנג ווי אמאל? ............... ב
ווער איז באמת גליקליך? .............................................. ה
נאך ערגער ווי דער יצר־הרע ........................................ ז
געכאפט א געזונטן ביס... .............................................. ח
פארוואס זענען די פינגער שפיציג? .................................. י
זיך אוועקלייגן אויף שפעטער ......................................... יא
געמאכט בלויז ליצנות פון זיך אליין ................................. יב
דער וואונדערליכער חידוש פון "אשרי האיש" ........................ יג


**חלק מהוצאות נתנדב**

**לע"נ שר הצדקות והחסד**

הרה"ח ר' **חיים דוב (בער)** ע"ה ב"ר **חנני יו"ט** הי"ו

**(מייזעלס)**

# מאמר מ"ז

## 'אשרי האיש'

### מתוך שיעור בספר תהלים - מזמור א'

**אַשְׁרֵי הָאִישׁ אֲשֶׁר לֹא הָלַךְ בַּעֲצַת רְשָׁעִים, וּבְדֶרֶךְ חַטָּאִים לֹא עָמָד, וּבְמוֹשַׁב לֵצִים לֹא יָשָׁב:**

**ניטאמאל אריבער צווישן זיי**

"**אשרי האיש**" - וואויל איז דעם מענטש, "**אשר לא הלך בעצת רשעים**" - וואס איז נישט געגאנגען אויף דער וועלט אין דער עצה פון די רשעים, "**ובדרך חטאים לא עמד**" - און ער איז נישט געשטאנען, דאס הייסט, ער איז קיינמאל אפילו נישט געווען אין דעם דרך פון זינדיגע מענטשן, "**ובמושב לצים לא ישב**" - און אויף א צוזאמען-זיץ פון לצים איז ער נישט געזעצן.

אינ'אמת'ן איז דאך דא כמה פנים לתורה. עס איז דא מפרשים[א] וואס זענען מחלק פארוואס ביי "רשעים" דארט שטייט "לא הלך", און פארוואס ביי "חטאים" שטייט "לא עמד", און ביי "מושב לצים" דארט שטייט "לא ישב"? - וואס זענען די אלע מיני כיתות רשעים.

לכאורה קומט אויס לויט ווי חז"ל דרש'ענען[ב], 'מתוך שלא **הלך**' - דאס הייסט, וויבאלד ער איז נישט דורכגעגאנגען אפילו דרך-אגב

---

**א.** עיין רד"ק שם, ועוד.

**ב.** גמ' עבודה זרה דף יח ע"ב: דרש רבי שמעון בן פזי, מאי דכתיב 'אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים לא עמד ובמושב לצים לא ישב', וכי מאחר שלא הלך היכן עמד, ומאחר שלא עמד היכן ישב, ומאחר שלא ישב היכן לץ? אלא לומר לך, שאם

דורך רשעים, דערפאר איז 'לא **עמד**' - האט ער זיך נישט אפגעשטעלט, און 'מתוך שלא עמד', איז 'לא **ישב**' - איז ער נישט געקומען צו זיצן צווישן זיי.

## פארוואס לעבט מען נישט היינט אזוי לאנג ווי אמאל?

לכאורה קען מען דאס אויסטייטשן אויף דער כלליות הרע - אויף דער סטרא אחרא. אין **תיקוני זוהר** שטייט[ג], "ובמושב לצים לא ישב" - "דא לילית" - דאס איז דער ס"מ. פשט פון דעם איז, ער איז נישט געגאנגען אין דער עצה פון די רשעים וואס די רשעים נארן אפ דעם מענטשן, וואס דער מענטש דרייט זיך נישט אויף דער וועלט נאר אפאר צענער יארן[ד].

דער תכלית פון דער בריאה איז דאך איינצוקויפן נצחיות, "**דֶּרֶךְ אֱמוּנָה בָחָרְתִּי**"[ה]. דער **זוהר הקדוש** זאגט[ו], די תורה הקדושה איז 'תרי"ג עיטין דמהימנותא' (- תרי"ג עצות של אמונה), וואס דורך יעדער מצוה קויפט מען איין א חלק אלוקות, א חלק פון אמונה[ז].

אז א מענטש קויפט איין התקרבות להקב"ה, מיט דעם לעבט ער נאכדעם 'לעולמי עד ולנצח נצחים' וואס דאס איז דער תכלית פון דער בריאה, אויף דעם איז א מענטש אראפ אויף דער וועלט. די

---

הלך, סופו לעמוד, ואם עמד, סופו לישב, ואם ישב סופו ללוץ, ואם לץ, עליו הכתוב אומר 'אם חכמת חכמת לך, ולצת לבדך תשא'.

**ג.** תיקוני זוהר דף כ"ז ע"ב.

**ד.** עיין ליקוטי הלכות הל' אונאה ה"ה אות מ': כי זה כלל ויסוד כל התורה כולה שצריכין ליזהר מאד לבלי להטעות את עצמו בזה העולם. **וכמו שצעק הוא ז"ל קודם הסתלקותו ואמר: את זה תקבלו מאתי, שלא תניחו עצמכם להטעות בזה העולם. כי העולם מטעה אותנו לגמרי** וכו', כנדפס בשיחות הר"ן (אות נ"א).

**ה.** תהלים קיט, ל.

**ו.** עיין זוהר יתרו דף פ"ב ע"ב.

**ז.** עיין ליקוטי הלכות הל' תחומין ה"ה אות א': **ועל כן נתן לנו תרי"ג עטין דאורייתא** שהם תרי"ג מצוות שנקראים עצות, **כי על ידי העצות גדלה האמונה שהוא עיקר הכל.**

רשעים נארן אבער אפ דעם מענטשן, מען מאכט אט דעם ארעי פון דער וועלט ווי עס וואלט געווען א דבר נצחי[ח].

דער **אר"י הקדוש** זאגט[ט], די ערשטע דורות האבן געלעבט הונדערטער הונדערטער יארן, און די וועלט האט געגעבן אסאך שפע - אז מענטשן האט זיך געדאכט אז מען לעבט אויף אייביג - לעולמי עד...

עס האט זיך געלוינט א מענטש אויסצו'הרג'ענען א האלבע וועלט לתאוָתו...

אז דער אויבערשטער האט געזען אז מען נארט זיך אזויפיל, האט דער אויבערשטער געמאכט 'ימי שנותינו שבעים שנה'; און עם־כל־זה נארט מען זיך...

די סטרא אחרא נארט אפ דעם מענטשן, ער גיט דעם מענטשן א שלעכטע עצה ווי זיך צו פירן אויף דער וועלט, לעבן אויף דער וועלט בפריקת עול, און מיינען אז דער עיקר איז די 'הבלי העולם הזה'. אט דאס איז די 'עצת רשעים', וואס דורכדעם קומט מען צו חטאים וואס מען פארזינדיגט זיך זייער שטארק רח"ל[י].

---

**ח.** עיין ליקוטי הלכות הל' אונאה ה"ג אות ג': **אין אונאה גדולה בעולם כמו האונאה של היצר הרע שמאנה ומטעה את האדם להחליף עולם עומד בעולם עובר ח"ו**, ומאנהו ומטעהו בכמה מיני רמאות וערמימיות ובלבולים בכמה מיני אונאות וטעיות בלי שיעור וערך כדי למנעו מדרך החיים מחיים נצחיים, מחיים טובים, מחיים ארוכים, מחיים אמיתיים, ורוצה להורידו ולהפילו לשאול תחתיות ח"ו ולעקרו ח"ו משני העולמות מהעולם הזה והעולם הבא חינם על לא דבר.

**ט.** עיין ספר זוהר הרקיע מש"ש עה"פ 'לא ידון רוחי באדם'. [עיין גם אוה"ח הקדוש על בראשית מז כט].

**י.** עיין דורשי יחודך (יסודי היהדות ח"ב, מאמר א') וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: דער גרעסטער טעות וואס מען האט איז, אז מען פארגעסט דעם א' - אז דער עיקר הבריאה איז 'בגין דישתמודעין ליה', אז מען זאל וויסן פון בורא עולם.

מען דארף דאס אלעמאל אנהויבן איבער א נייעס (צו חזר'ן), ווייל ברבות הדרך קען מען ממש פארגעסן פון וואנעט מען איז געקומען, מען פארגעסט וואס מען דארף טון, מען

מען קען זיך איינקויפן אויף דער וועלט אזויפיל גיהנום און אזויפיל כף-הקלע, אז מען זאל הונדערטער יארן נישט קענען ארויסקריכן רח"ל, און דערנאך מאכט מען איגנאנצן ליצנות פון דער קדושה, וואס אין 'ליצנות' איז נכלל 'כפירה' מיט 'אפיקורסות' מיט 'פריקות עול' וואס מען לאכט אפ פון דער תורה הקדושה און פון די צדיקים.

די זעלבע זאך, ניבול פה רח"ל. דער **זוהר הקדוש** זאגט, עס איז דא א מדור אין גיהנום וואס דורך ניבול-פה גייט מען קיינמאל נישט ארויס פון דארט רח"ל. אזוי איז דאך 'משפט רשעים בגיהנום י"ב חודש'; אבער עס איז דא אזא מדור וואס מען קען קיינמאל פון דארט נישט ארויסגיין, וואס דאס קומט אלץ פון ליצנות, פון ניבול פה רח"ל[יא].

---

פארגעסט צו וואס מען דארף צוקומען, און אינמיטן... דער אויבערשטער זאל אפהיטן וואס קען פאסירן.

דער רבי זאגט (עי' ליקו"מ סי' ל"ז וסי' נ"ד), עס איז דא 'שכחה' - מען פארגעסט, מען פארגעסט. אז מען ווייסט דאס און מען טוט עפעס 'למען זה', הערט מען אויף (צו פארגעסן דעם תכלית).

עס איז א ביטערע מצב אז מען פארגעסט; אז א מענטש פארט אויף א ווייטע לאנד און ער ווערט פאַרקאַלכט דארטן און ער ווייסט נישט פון וואנעט ער איז געקומען, ער ווייסט נישט פון וואנעט ער גייט, ער ווייסט נישט צו ער ווייסט, ער ווייסט גארנישט, איז ער אַן אומגליקליכער מענטש.

נישט אומזינסט שטייט (ראשית חכמה שער היראה פרק י"ב), אז א מענטש ווערט נסתלק פרעגט מען אים ווי אזוי ער הייסט און אויב ער האט זיך נישט געפירט וויאזוי ער דארף זיך פירן לויט וויאזוי זיין נאמען איז, 'בגין דישתמודעין ליה', פארגעסט ער זיין נאמען. פשט איז, ער איז געווארן פאַרקאַלכט אויף דער וועלט, דערפאר פארגעסט ער זיין נאמען.

אויב ער האט אבער טאקע געטון 'לענין' - יעדער איינער האט דאך געוויסע כוחות הנפש מיט וואס ער דארף מיט דעם ממליך זיין דעם אויבערשטן, יעדער איינער האט 'זיין' יצר הרע און 'זיין' יצר טוב מיט וואס ער דארף אויספירן, פון וואס עס דארף ארויסקומען פון דעם די ריכטיגע המלָכה פאר ה' יתברך - מיט 'זיין' סור מרע און מיט 'זיין' עשה טוב, דעמאלס ווערט א באזונדערן תיקון אין אלע עולמות דורך דעם מענטשן!

אויב ער האט עס אבער נישט געטון, פארגעסט ער זיין נאמען, איז ער פארקאַלכט - עס איז איום ונורא אז מען פארגעסט דעם נאמען.

**יא.** עיין גמ' שבת דף לג ע"א.

**ווער איז באמת גליקליך?**

על־כל־פנים, דאס זאגט דוד-המלך: "**אשרי האיש**". דער ווארט "אשרי" איז גאר א חשוב'ע ווארט. מען זעט אפילו בגשמיות, אז א מענטש טוט א גוטע פעולה - ער פארדינט צען מיליאן דאלער, אלע פארלויבן אים - 'זעה ווי גוט ער האט געטון, זעה וואספארא הצלחה ער האט געהאט!'. אז א מענטש איז גוט מחנך א קינד, ער האט פון אים גאר אסאך נחת, זאגט מען "אשרי", 'זעה, ער האט אריינגעלייגט כוחות - און וואספארא נחת ער האט, זעה די שמחה וואס ער האט!'.

"אשרי" איז דער פשט, א מענטש טוט א גוטע זאך. אזוי ווי **רש"י** זאגט: "אשוריו של איש ותהלותיו של אדם" - א מענטש ווערט פארלויבט דורך זיינע גוטע מעשים וואס ער טוט און דורך די גרויסע הצלחה וואס ער האט אפילו בגשמיות, דעמאלס פאסט אויף אים דעם ווארט "אשרי".

עם־כל־זה, דער **זוהר הקדוש** זאגט[יב], דער ווארט "אשרי" איז גאר א הויכער ווארט. משה רבינו האט געענדיגט זיין ברכה אויף די אידן: "**אַשְׁרֶיךָ יִשְׂרָאֵל**"[יג], און מיט דעם האט דוד אנגעהויבן זיין תהלים: "**אַשְׁרֵי הָאִישׁ**"[יד]. "אשרי" - זאגט דער זוהר - איז מרמז אויף 'כתר', אזוי ווי עס שטייט: "אהי"ה אשר אהי"ה"; דער שם אקי"ה איז אין 'כתר'. דער זוהר מאכט א גרויסער פאראד פון דעם ווארט "אשרי". אין תיקוני זוהר שטייט, "בראשי"ת" איז "ת'מן אשר"י"; קומט אויס, אין דעם ערשטן ווארט "בראשי"ת" איז שוין דא דארטן דער ווארט "אשרי".

קומט אויס, מכל־שכן ברוחניות, אז דער מענטש איז זוכה אז ער האט שכל אויף דער וועלט, ער ווייסט ווי זיך צו פירן אויף דער

---

**יב.** תיקון י"ג דף כז ע"ב.

**יג.** דברים לג, כט.

**יד.** עיין מדרש תהלים מזמור א'.

וועלט און ער קויפט איין נצחיות, פאסט אויף אים דער ווארט "אשרי".

אויף דעם זאגט דוד: "אשרי" - וואויל איז דער מענטש - וואס האט געהאט שכל אויף דער וועלט און ער האט זיך נישט צוגעהערט צו די עצה פון די רשעים[טו].

אויף זיי שטייט טאקע אין דעם קאפיטל פון "אָסף"[טז]: "**וַאֲנִי כִּמְעַט נָטָיוּ רַגְלָי כְּאַיִן שֻׁפְּכוּ אֲשֻׁרָי**", וואס רש"י זאגט: "שהסיעו לבו למינות"[יז]. "**כִּי קִנֵּאתִי בַּהוֹלְלִים, שְׁלוֹם רְשָׁעִים אֶרְאֶה, כִּי אֵין חַרְצֻבּוֹת לְמוֹתָם, וּבָרִיא אוּלָם**", וואס די סטרא אחרא האט אים אפגענארט, און עם־כל־זה האט ער זיך געהאלטן בתמימות ביי השי"ת.

נאכדעם אז אסף האט זוכה געווען, ער האט געזאגט שירים אין בית־המקדש, ער איז דאך געווען פון די גרעסטע משוררים[יח], איז 'שרתה עליו שכינה', און ער האט געזען די מפלת הרשעים, האט ער גאר געזען, "**אַךְ בַּחֲלָקוֹת תָּשִׁית לָמוֹ**" - דער אויבערשטער לאזט זיי גליטשן, "**הִפַּלְתָּם לְמַשּׁוּאוֹת**" - נאכדעם פאלן זיי אבער אריין אין א חושך עולם רח"ל.

---

**טו.** עיין ליקוטי הלכות הל' סוכה ה"ז אות ב': **ועל כן התחיל דוד המלך ע"ה ספרו "אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים"**. כי צריכין להתרחק מעצת רשעים בתכלית הריחוק, כי כל עצתם להרע **אף על פי שלפעמים נדמה עצתם לאיזה חכמה**, אבל מאחר שאחריתה מרה כלענה, כי אחרית רשעים נכרתה (תהלים לז), בודאי צריכים לברוח מאד מעצות כאלו כבורח מן האש. **ועל כן מה שנחשב בשם עצה הוא כשזוכין לעצה שלימה באמת איך לעבוד את ה' באמת** ואיך ישוב מני חשך, כל אחד ואחד ממקום שנלכד לשם כדי להציל נפשם מני שחת לֵאור באור החיים, זה נקרא בשם עצה באמת. וזה בחינת כלליות התורה שנקרא בשם עצה, כמו שכתוב (משלי ח), לי עצה ותושיה. בחינת **תרי"ג עטין דאורייתא.**

**טז.** תהלים מזמור ע"ג.

**יז.** [עיין גם ליקוטי מוהר"ן סי' י' אות ו'].

**יח.** עיין נחמיה יב, מו.

**נאך ערגער ווי דער יצר־הרע**

מען זעט טאקע, עס איז דא אמאל מענטשן וואס דורך א דיבור של כפירה, אדער ניבול פה רח״ל, וואס זיי האבן געהערט פון א חבר אין א שלעכט פלאץ וואו זיי זענען געווען, קען דאס ווערן א פלעק אויף דער נשמה אויף אלע יארן רח״ל.

וואויל איז דער מענטש וואס האט געהאט שכל אוועקצוגיין פון דעם און נישט זיך איינשמירן, נישט גיין נאך א שלעכטע עצה פון א חבר, נישט גיין אין דעם שלעכטן וועג פון א חבר, אפלאזן א שלעכטן חבר.

דער בעל־דבר האט א מורא׳דיגן כח, דער בעל־דבר אליין קען אמאל הארעווען אויף א מענטש כמה שנים ביז ער ברענגט אים צו אַן עבירה, צו אַן אומגליקליכע זאך - אים צו מאכן אומגליקליך. אבער דער בעל־דבר קען אפשר הארעווען אויף דעם עטליכע יאר ביז ער ברענגט אים צו דער זאך. מיט א שלעכטן חבר קען אבער דער בעל־דבר - וואס ער דארף אפהארעווען אויף א מענטש צוויי יאר - קען ער אים דאס מאכן אין א וואך... דער אויבערשטער זאל אפהיטן. אזא כח האט א שלעכטן חבר[יט].

אויף דעם זאגט דוד המלך: ״אשרי״ - וואויל איז דער מענטש - וואס האט געהאט שכל און ער איז נישט געגאנגען ״בעצת רשעים״, ער האט נישט געפאלגט סיי דעם עצת היצר, דער עצת הסטרא אחרא, און סיי וואס ער איז אוועק פון די עצות פון שלעכטע חברים, פון שלעכטע פלעצער.

עס האט מיר דערציילט א איד אז ער האט געהאט א בן־יחיד וואס איז געזעצן און געלערנט וואס דאס איז געווען ביי אים דער

---

יט. עיין שיחות הר״ן אות פ׳: **בני אדם יש להם כח למנוע ולהסית את האדם לרחקו מעבודת הבורא ומצדיקי אמת יותר מן היצר הרע.** כי היצר הרע אין לו יכולת רק כפי כוחו כפי בחינת היצר הרע מאיזה העולם שהוא. אבל האדם הוא כלליות שכלול מכל העולמות, ועל כן מניעות של בני אדם הם יותר ממניעות היצר הרע, ע״כ. גם עיין שם בהמשך אות פ״א.

גאנצער נחת. האט ער זיך גע'חבר'ט מיט א שלעכטן חבר וואס האט אים אפגעריסן פון השי"ת, און ער האט אים געמאכט פאר א מחלל שבת, אומגליקליך געמאכט זיינע אלע יארן אים מיט זיינע דורות.

א שלעכטער חבר קען איבערפירן א מענטש 'מטוב - לרע'; 'מתכלית הטוב - לתכלית הרע'.

## געכאפט א געזונטן ביס...

עס ווערט געבראכט[כ], אט דאס האט דער רבונו־של־עולם געזאגט פאר אדם הראשון'ען נאכדעם וואס ער האט געגעסן פון דעם עץ־הדעת 'בעצת הנחש'. פריער איז ער דאך געווען אזוי גרויס אז דער אויבערשטער האט געזאגט פאר די מלאכים[כא]: "חכמתו מרובה משלכם". די גאנצע בריאה האט אים באדינט[כב], אלע מלאכים האבן אים באדינט, אלע עופות און אלע חיות אלע האבן געוואלט נכלל ווערן אין אים מצד דאס דביקות און די חכמות אלוקות וואס ער האט געהאט אין דעם אויבערשטן.

איז בשעת ער האט פארזוכט פון דעם עץ־הדעת 'בעצת הנחש', האט דער אויבערשטער אים געזאגט[כג]: **"אַיֶּכָּה?!"** - וואו ביסטו ערשט?! זעה ווי דו קוקסט אויס! זעה וואספארא נארישע מחשבות דו האסט, זעה וואספארא נארישע תאוות דו האסט! אוואו געפינסטו זיך יעצט?!

עס איז דא א **מדרש** אויפן פסוק[כד]: **"הֲמִן הָעֵץ אֲשֶׁר צִוִּיתִיךָ לְבִלְתִּי אֲכָל מִמֶּנּוּ אָכָלְתָּ"**. זאגט דער מדרש א משל[כה], עס איז געווען איינער

---

**כ.** עיין שפתי צדיק פר' תזריע אות ז'.

**כא.** בראשית רבה יז, ד'.

**כב.** עיין גמ' סנהדרין דף נ"ט ע"ב.

**כג.** בראשית ג, ט.

**כד.** בראשית ג, יא.

**כה.** בראשית רבה יט, י.

א לוחש, וואס ווען עס איז געווען 'נחשים ועקרבים' האט ער געקענט מלחש זיין נחשים ועקרבים; אט די מענטשן פלעגן האבן אסאך פרנסה.

איז געווען א שכֵינה וואס האט נישט פארגינט די חבר'טע פארוואס איר מאן האט אזא גוטע פרנסה.

דער לוחש האט געהאט א פאַס וואס דארטן איז געווען 'נחשים ועקרבים' מיט נאך כהנה זאכן און געצייג מיט זיינע סארטן ענינים וואס ער האט געדארפט האבן פאר זיין מלאכה. האט דער מאן איר געזאגט, "אויף דער גאנצער שטוב בין איך דיר משליט, וואס דו ווילסט קענסטו טון, מיין שטוב איז דיין שטוב, דו קענסט נעמען וואס דו ווילסט, דו האסט אלצדינג, נאר צו אט דער כלי זאלסטו נישט צוגיין ווייל דארטן איז דא נחשים ועקרבים וואס דאס איז מיין פאך, דאס דארף איך האבן פאר מיין פרנסה - דארט גיי נישט צו".

די שכֵינה האט איר נישט פארגינען, האט זי איר געזאגט, "דו מיינסט אז דיין מאן איז דיר געטריי, אוואו ער האט א גוטן תכשיט, אוואו ער האט גאלד אדער זילבער, באהאלט ער דאס דארטן אין פאַס, כדי אז סוף־כל־סוף ווער ער דיר גט'ן און ער וועט נעמען אַן אנדערע ווייב, גרייט ער דאס צו פאר די צווייטע, אבער למעשה מיינט ער גאר 'לרעה', מיין נישט אז ער איז דיר אזוי געטריי"...

"ברית כרותה ללשון הרע שתתקבל על הלב", איז זי געווארן זייער שטארק אין כעס, איז זי צוגעלאפן בכח און האט אפגעדעקט דעם פאס, און האט אריינגעשטעקט דער האנט, האט זיך געכאפט א ביס פון א שלאנג, און זי האט אנגעהויבן צו קוויטשען עד לב השמים. דער מאן איז אנגעקומען און געזען ווי זי טאנצט פון אירע יסורים... פירט אויס דער מדרש - "המן העץ אשר צוויתיך לבלתי אכל ממנו אכלת?!".

אט דאס איז דער ענין וואס דוד המלך איז מזהיר ביים ערשטן פסוק אין תהלים, מען זאל נישט גיין אין די 'עצת רשעים', מען זאל

זיך נישט אפלערנען פון די רשעים וואס נארן אפ דעם מענטשן אים ארייננצואווארפן און אים מאכן אומגליקליך לעולמי עד ולנצח נצחים.

דערפאר שטייט טאקע[כו]: "**ליצנות אחת דוחה מאה תוכחות**". דער **רבי** זאגט: "**ליצנות איז דער פתח הטומאה**"[כז]. אט דאס איז אלץ דער ענין פון "ובמושב לצים לא ישב".

## פארוואס זענען די פינגער שפיציג?

**רש"י** זאגט אין פרשת פינחס אויף דעם פסוק[כח]: "**לְאָזְנִי מִשְׁפַּחַת הָאָזְנִי**" - "אומר אני שזו משפחת אצבון, ואיני יודע למה לא נקראת משפחתו על שמו". זאגט דער **מי השלוח** א רעיון[כט], אז דאס איז געווען א משפחה פון די בני גד וואס איז געווען א הייליגע משפחה, וואס אין מִצְרַים פלעגן זיי פארמאכן די אויערן אז זיי זאלן נישט הערן די שלעכטע דיבורים פון די מצריים פון כפירה און ניבול פה רח"ל.

די **גמרא** זאגט[ל], א מענטש האט שפיציגע פינגער כדי ער זאל קענען פארמאכן דעם אויער מיט דער פינגער בשעת ער הערט א שלעכטע זאך אז ער זאל נישט פארשמירן זיין נשמה.

זאגט ער, אין מצרַים האבן זיי געהייסן 'אצבון', מצד ווייל זיי פלעגן פארמאכן די אויערן זיי זאלן נישט הערן קיין שלעכטס; און טאקע דערפאר האבן זיי געהייסן "אזני", ווייל אז א מענטש הערט נישט

---

**כו.** עיין מסילת ישרים פרק ה'.

**כז.** עיין אוצר היראה ערך 'ליצנות': שמעתי משם בעל המחבר ספר 'ליקוטי־הלכות' ז"ל שאמר בעל־פה, **שעיקר הטומאה ופתח הטומאה הוא ליצנות**, ואסמכיה אדברי רז"ל שאמרו (במס' יומא לח, ב): הבא לטמא פותחין לו, שנאמר: "אם ללצים הוא יליץ" וכו' ה"י.

**כח.** במדבר כו, טז.

**כט.** בפר' במדבר אות ו'.

**ל.** כתובות דף ה' ע"ב.

וואס מען דארף נישט, איז "**אָזְנַיִם כָּרִיתָ לִּי**"[לא], הערט ער 'סתרי תורה'; אז ער הערט א דבר תורה - הערט ער פנימיות התורה, עס שיינט אים די תורה; אז מען פארמאכט די אויערן פון וואס מען טאר נישט הערן, הערט מען וואס מען דארף.

דער **מדרש** זאגט אין פרשת אחרי[לב], א מענטש אז עס קומט אים א 'דבר־ערוה לעיניו' און ער פארמאכט זיינע אויגן, ער מאכט נישט זאט זיינע אויגן מיט דעם, איז ער זוכה "**לַחֲזוֹת בְּנֹעַם ה'**" - זען דער שכינה הקדושה כביכול!

פארוואס?

ווייל אז מען קוקט נישט וואו מען טאר נישט, זעט מען 'גנזי דמלכא', זעט מען 'נועם ה'', זעט מען דער שכינה הקדושה כביכול, מען זעט אייביגקייט, מען זעט נצחיות.

אז מען האט אבער נישט קיין שכל, פארקויפט מען דאס פאר א נזיד עדשים; פאר טינופת פארקויפט מען דעם גאנצן נצחיות ח"ו; אט דאס איז די עצה פון די רשעים.

## זיך אוועקלייגן אויף שפעטער

לעומת זה איז דא די עצה פון דער תורה הקדושה, איינקויפן אויף דער וועלט אסאך מצוות מיט מעשים טובים, אסאך אמונה, וואס מיט דעם לעבט מען 'לעולמי עד ולנצח נצחים'.

רבי נתן ברענגט אראפ אין **ליקוטי הלכות**[לג], די עצה פון יוסף'ן, די עצה פון דעם צדיק, איז איינצוקויפן 'בימי השובע' אויף די 'ימי הרעב'.

---

**לא.** תהלים מ, ז.

**לב.** ויקרא רבה כג, יג.

**לג.** עיין הל' ברכת הפירות ה"ד אות י"ב; גם עיין שם הל' חנוכה ה"ג אות ז'.

אויף דער וועלט קען מען מקיים זיין דער תורה הקדושה, מען קען אסאך לערנען. יעדעס ווארט פון דער תורה הקדושה איז גרויס עד אין־קץ. מען קען טון אסאך מצוות, מען קען אסאך מאכן סור-מרע, וואס מיט דעם בויעט זיך אויף א חיים נצחיים לעולמי עד.

אז מען האט נישט געקויפט אויף דער וועלט, האט מען נישט אייביג, ווייל מען קען דאס נישט קויפן בשום־אופן נאר אויף דער וועלט. וואס מען האט דא איינגעקויפט דאס איז נצחיות'דיג. לאחר המות איז שוין נישט שייך וואס מוסיף צו זיין.

לעתיד איז א חילוק אפילו צווישן צוויי מענטשן - אז איינער האט נאר געלערנט א משנה משניות מער ווי א צווייטן, מצד ווייל ער האט מער נצחיות. דארט קען מען דאס מער נישט קויפן. קומט אויס, מיט דער בחינה רופט זיך דער וועלט 'ימי השובע'.

די עצה פון די צדיקים איז, איינצוקויפן 'בימי השובע' אויף די 'ימי הרעב', נישט פארברענגען די יארן מיט הבלי עולם־הזה, נאר היטן דער צייט, ממַלא זיין די יארן מיט סור-מרע, מיט עצה-טובה, אט דאס איז די עצה פון די צדיקים.

## געמאכט בלויז ליצנות פון זיך אליין

עס איז פארהאן א חז״ל[לד]: **"הבא ליטמא פותחין לו, שנאמר**[לה]**: 'אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ'"**. לכאורה דארף מען פארשטיין דעם חז״ל, וואספארא שייכות האט דער פסוק "אם ללצים הוא יליץ" צום מאמר חז״ל "הבא ליטמא פותחין לו"?

נאר עס ווערט געבראכט, קען זיין איך האב דאס געזען פון **רבי צדוק הכהן**[לו], אז א מענטש מאכט ליצנות, מכל שכן אז ער מאכט

**לד.** גמ' יומא לח ע״ב.

**לה.** משלי ג, לד.

**לו.** עיין צדקת הצדיק, אות רס״ד: **הכניסה לרע הוא על ידי ליצנות.** כמו שאמרו ז״ל (יומא ל״ח ע״ב) הבא לטמא פותחין מקרא דללצים הוא יליץ (משלי ג' ל״ד) מבואר דלץ הוא הביאה

ליצנות פון א דבר שבקדושה, ער לאכט אפ בפריקות עול פון דברים שבקדושה, פון מצוות ומעשים טובים, פון מנהגי ישראל, גיט אים דער אויבערשטער א רוח של ליצנות, און דער רוח של ליצנות רעדט אים איין אז ער איז גערעכט הונדערט פראצענט, און ער איז טאקע זייער קלוג און אז זיין ליצנות איז ריכטיג, און אז ער ווייסט פון וואס צו מאכן ליצנות, ער זעט ממש בעיניו אז ער איז גערעכט, ממילא גייט ער ווייטער נאך די שלעכטע וועגן.

נאכדעם לעתיד אז ער גיט א קוק אריין וואספארא מיאוס'ע טעות ער האט געהאט, און וואס ער האט אנגעוואוירן לעולמי עד ולנצח נצחים, און ווי ער האט זיך גענארט - אז ער גיט דאס א קוק, לאכן אלע פון אים - 'דו זעסט? דו האסט געמיינט אז דו ביסט גערעכט - דו ביסט דער גרעסטער נאַר...'

אט דאס איז פשט: "אם ללצים הוא יליץ", דער אויבערשטער מאכט פון אים ליצנות מיט דעם וואס ער גיט אים אריין א רוח של ליצנות און ער ווייזט אים אז דאס ליצנות זיינע איז גערעכט. דאס איז דער פשט פון "הבא ליטמא פותחין לו", ווייל מען גיט אים טאקע א רוח של ליצנות, און ער מיינט אז דער ליצנות איז גערעכט, אבער נאכדעם מאכט מען ליצנות פון אים.

## דער וואונדערליכער חידוש פון "אשרי האיש"

מ'קען זאגן, דוד המלך האט אנגעהויבן דעם תהלים מיט א חידוש.

בדרך כלל, דער ווארט "אשרי" פאסט, אזוי ווי מ'האט פריער געזאגט, אז א מענטש טוט א גוטע זאך און ער האט ביי דעם א גרויסע הצלחה - סיי א דבר רוחני און סיי א דבר גשמי. עס ווערט

---

וכניסה לכל מיני טומאה. והוא יליץ, פירוש, כמו שאמרו (זוהר ח"ב קפ"ד ע"ב וח"ג צ"ב ע"ב) דכמו שמתעורר למטה כך לעומתו למעלה. והלץ מלמעלה גם כן מתלוצצים ממנו, פירוש, **מראים לו כאילו יש להתלוצץ באמת מאותו דבר**. וזהו 'פותחין', שנותנין לו פתח להתלוצץ, וזה באמת ליצנות ממנו, כי הרי באמת אין מקום כלל להתלוצץ מאותו דבר.

טאקע געבראכט[לז], דאס לשון "אשרי" איז א 'לשון רבים'; פשט איז, אז דער מענטש טוט אסאך גוטע פעולות און ער האט הצלחה ביי זיינע פעולות, דער איז אַן 'איש מאושר', אַן 'איש מהולל', א פארלויבטער מענטש, אויף אים פאסט זיך דאס לשון "אשרי". אבער אויף 'מניעת ההפסד' פאסט זיך לכאורה נישט דעם וואָרט "אשרי".

קומט דוד המלך און זאגט א גרויסער חידוש: א מענטש קען טון א פעולה טובה אויף דער וועלט מיט דעם וואס ער פאלגט **נישט** דער סטרא אחרא, מיט דעם האט ער געמאכט א תיקון נצחי אין זיך און אין דער בריאה - וואס דאס איז אזוי גרויס ווי א 'פעולה טובה'![לח].

---

**לז.** עיין בפירוש הרד"ק על תהלים שם: "אשרי האיש". מילת "אשרי" היא לעולם בלשון רבים, והטעם, כי לא יאשרו האדם בטובה אחת שתמצא בו או בהצלחה אחת שתזדמן לו, אלא בטובות רבות שימצאו בו, יאמרו עליו "אשריו".

**לח.** עיין לקט אמרים (חלק ב' מאמר 'ושמנו קראת בשמך') וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: מובא דהיצה"ר דדוד נקרא "פלישתי" (בביאור הגר"א מזהר חדש דף ל"ג ד"ה לכל בר נש: לכן נקרא היצה"ר בכמה שמות, לכל אחד בשם אחר. לאדם "נחש", לדוד "פלישתי"... כל אחד כפי שורש נשמתו כן זה לעומת זה בסט"א, עיי"ש. ועיין בביאור הגר"א בתיקו"ז דף קנה ע"ב דכד בר נש שליט על יצריה).
ויש לבאר, דהנה מובא דקליפת פלישתים היא הליצנות (ראה קהלת יעקב ערך פלישתים). ובמסכת ע"ז (יט ע"א): ובמושב ליצים לא ישב – שלא ישב במושב פלישתים מפני שליצנים היו. וכיון דמלחמתו של דוד היתה עם הקליפה הזאת של פלישתים, קליפת הליצנות וההוללות, לכן ע"ד "זה לעומת זה" נקרא דוד "בדיחא דמלכא" – משמר את המלך (זהר שמות ק"ז. ועיי"ש שגם כשהיה בצער שב תמיד לשמח אות המלך). וכן "המלך דוד מפזז ומכרכר לפני ה'" (שמואל – ב' ו' ט"ז). וכן הוא אשר העמיד ותיקן כ"ד משמרות לויה, מהללים ומשוררים לנצח על מלאכת בית ה', כמובא באריכות בדברי הימים–א' (פרק כד ופרק כז) – שמחה דקדושה היפך שחוק וליצנות דקליפת פלישתים.
וע"כ נקרא דוד נעים "זמירות" ישראל (שמואל – ב' כג א'), שמחה דקדושה – היפך קליפת ההוללות והליצנות דפלישתים.
ויש לומר דלכן פתח דוד את ספר זמירותיו ותשבחותיו בפסוק אשרי האיש... ובמושב לצים לא ישב – על פי דברי הרוקח, שהאדם ירמוז שמו בתחילת ספרו, ד"אשרי האיש" (עם שתי התיבות) הוא בגימטריא "דוד מלך ישראל חי וקיים". ואילו המשך הפסוק מרמז את ענינו המיוחד של דוד המלך ע"ה, דהוא "במושב לצים לא ישב", כי זאת היתה כאמור מלחמתו בזה העולם.

עס איז א **ירושלמי** אין קידושין[לט]: "אמר רבי מנא, '**אַשְׁרֵי תְמִימֵי דָרֶךְ הַהֹלְכִים בְּתוֹרַת ה'**'[מ] - **כ**הולכים בתורת ה'". אינ'אמת'ן, אין אנהויב תהלים שטייט: "אשרי האיש אשר **לא הלך** בעצת רשעים"; זאגט ער, "ההולכים" - "**כ**הולכים". "אמר רבי אבין, '**אַף לֹא פָעֲלוּ עַוְלָה - בִּדְרָכָיו הָלָכוּ**' - **כ**בדרכיו הלכו". דאס איז א תיקון אין דער בריאה, און א תיקון אין זיך '**כ**בדרכיו הלכו'. קומט אויס, די פעולה פון 'סור-מרע' איז א פעולה פון 'עשה-טוב'.

מען זעט, חז"ל זאגן[מא], אז עס איז פארהאן צוויי וועגן, איינער איז א גלייכער וועג, און איין וועג איז נעבן א טייך וואס דארטן וואשן די נשים וועש, וואס אז די נשים וואשן וועש, פארקאטשעט זיך דארט אמאל אַן ארבל וואס איז נישט אזוי בצניעות; איז אז א מענטש האט געקענט גיין אַן אנדער וועג און ער איז געגאנגען דעם וועג נעבן דער טייך, זאגן חז"ל, "**אפילו עָצַם עינו - רשע הוא**".

איז דאך פשט, אז דו האסט געטון א פעולה אויף דער וועלט, א קרומע פעולה, דו ביסט געגאנגען אויף אזא פלאץ וואס דו האסט געקענט האבן א הרהור, האסטו דאך 'ברגליך' געטון א פעולה היפך דעם רצון ה'; ממילא קומט אויס, אז ער האט דאס **נישט** געטון, האט ער געטון א 'תיקון'!

אז א מענטש גייט אוועק פון א שלעכטן חבר, ער גייט אוועק פון א שלעכטע עצה, ער לויפט אוועק פון צו הערן א ניבול-פה ח"ו, ער לויפט אוועק פון א שלעכטע זאך, איז דאס א תיקון אין זיך.

דאס איז די זעלבע אזוי ווי די **גמרא** זאגט אין מסכת קידושין[מב]: "**ישב ולא עבר עבירה, נותנים לו שכר כעושה מצוה**".

---

**לט.** פ"א ה"ט.

**מ.** תהלים קיט, א.

**מא.** גמ' בבא בתרא דף נז ע"ב.

**מב.** דף לט ע"ב.

דער **ירושלמי** פירט דארט אויס: "אמר רבי יוסי בן רבי בון, מה כתיב, 'אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים' - **מכיון שלא הלך בעצת רשעים - כמי שהלך בעצת צדיקים**".

אט דאס איז דער חידוש וואס דוד האט אויפגעטון, אז דערווארט "אשרי" פאסט זיך אויף א 'סור מרע' די זעלבע ווי אויף 'עשה טוב'!

# עמודי התווך

בס"ד

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם, אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב, להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה, להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **ישכר דוב קויפמאן** הי"ו

ואחיו מוה"ר **אברהם שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **צבי קליין** הי"ו

מוה"ר **שלמה פעדער** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **אהרן אלימלך לעפקאוויטש** הי"ו

מוה"ר **יואל הירשפעלד** הי"ו

מוה"ר **יודא ארי' מיללער** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד להם ולזרעם עד עולם, עם רוב תענוג ונחת דקדושה כל הימים

# מזל טוב וגדיא יאה

לכבוד הני נדיבים אנשי ה' יראי אלקים,
אשר נדבה לבם לחזק את מפעלינו הכביר
לרגל שמחת לבם השורה במעונתם
ה"ה

מוה"ר **בנימין יודא ווערצבערגער** הי"ו
לרגל נישואי בנו הבה"ח **אלימלך** בשעטו"מ
בת מוה"ר **שלמה שאלאמאן** הי"ו

מוה"ר **יואל בר"ש בראווער** הי"ו
לרגל אירוסי בתו הכלה שתחי' בשעטו"מ
עב"ג
החה"ח **יוסף** ב"ר **שמואל דוד וועבער** הי"ו

הרב **זלמן לייב הורוויץ** שליט"א
לרגל אירוסי בנו הבה"ח **אלעזר** בשעטו"מ
עב"ג
בת הרב **בנציון אברהם יעקב האלבערשטאם** שליט"א

מוה"ר **רפאל ארי' קרויס** הי"ו
לרגל נישואי בנו הבה"ח ישראל חיים בשעטו"מ
עב"ג
בת מוה"ר **משה שטוהל** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא שמשמחות זו ישפע
שפע רב לנו ולכל בני ישראל, ורב תענוג ונחת
דקדושה כל הימים בביאת משיח צדקינו
בב"א.

# יאמץ לבך

ביי נח שטייט (בראשית ו׳ ט׳): **״אִישׁ צַדִּיק תָּמִים״**; ווען ער איז נישט קיין תמים איז ער נישט קיין צדיק. בשעת די גאנצע וועלט איז געווען אזוי מושחת איז געווען איין שומר הברית אויף דער וועלט; נאר בתמימות האט ער מקבל געווען פון מתושלח׳ן ארויף ביז חנוך ביז אדם הראשון אז דער אויבערשטער וויל ׳קדושה׳ – דאס וויל דער אויבערשטער! אָן חכמות! אָן חכמות! דערפאר איז ער געבליבן און ער האט אנגעהאלטן דער גאנצער בריאה! **״אִם לֹא בְרִיתִי, יוֹמָם וָלָיְלָה חֻקּוֹת שָׁמַיִם וָאָרֶץ לֹא שָׂמְתִּי״.**

נאר מיט תמימות!

נאר מיט תמימות איז מען מנצח! מיט חכמות – ניין! די חכמות איז שוין א זוהמת הנחש – דער אויבערשטער זאל זיין דער היטער. דער רבי האט אזוי געקעמפט אנטקעגן דער קליפת יון פון חכמות און פילאזאפיע.

(מתוך ספר החדש ״דורשי יחודך״ חנוכה – מאמר ׳מאי חנוכה׳)